בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון ק"מ

פרשת בא
שנת תשפ"ו

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### - טְרֶעף זַיין הַארְץ -

#### דִי צַדִיקִים גְרָאבְּן אוֹיף קְוֶועלֶער אִין הַארְץ

מֶען זֶעט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה (בְּרֵאשִׁית כו) אַז דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט זוּכְן קְוֶועלֶער, זֵייעֶרֶע קְנֶעכְט הָאבְּן גֶעגְרָאבְּן גְרִיבֶּער בִּיז זֵיי הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ קְוַואל, שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי פְּלִשְׁתִּים אוּן פַארְשְׁטָאפְּט דֶעם קְוַואל, זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען דִי קְנֶעכְט אוּן צוּרִיק גֶעעֶפְנְט דִי פַארְשְׁטָאפְּטֶע קְוַואל, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעגְרָאבְּן נֵייעֶ קְוֶועלֶער.

עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִיקִים אַז דִי קְוֶועלֶער גֵייעֶן אַרוֹיף אוֹיפְן הַארְץ פוּן אַ מֶענְטְשׁ; יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ אַ הַארְץ, אַ נְשָׁמָה אוּן גֶעפִילְן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאט עֶר אוֹיךְ דִי פְּלִשְׁתִּים - דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְן יֵצֶר הָרָע, וָואס פַארְשְׁטָאפְּט זַיין הַארְץ עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט וֶועלְן אוֹיפְפִירְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן דִי עֲבוֹדָה פוּן דִי צַדִיקִים אִיז אוֹיפְצוּזוּכְן אַ גְרִיבֶּעלֶע אִין יֶעדְנְ'ס הַארְץ אוּן טְרֶעפְן וַואסֶער, טְרֶעפְן זַיינֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת מִיט וָואס עֶר אִיז גוּט.

מֶען דֶערְצֵיילְט, בַּיים הֵיילִיגְן קְדוּשַּׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל פַּאסִירְט אַז עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי אַ אִיד אִיז פַארְנוּמֶען אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען מִיט זַיין וָואגְן, דֶער אִיד אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִינְדְרוֹיסְן פוּן שׁוּל מִיטְן טַלִית אוּן תְּפִילִין אוּן פַארְרָאכְטְן דִי וָואגְן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק גֶעזָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, מִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל! קוּק אָן דֶעם אִיד, עֶר אִיז אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוּן אִין זַיין וָואגְן, דֶער וָואגְן אִיז בַּיי אִים מֶער וִויכְטִיג פוּן אַלְסְדִינְג, דָאךְ טוּט עֶר יֶעדְן טָאג אָן תְּפִילִין אוּן עֶר גֵייט מִיט צִיצִית; עֶר טוּט דַיין רָצוֹן, עֶר טוּט וָואס דִי תּוֹרָה הֵייסְט טוּן".**

אַ צְוֵוייטֶער וָואלְט גֶעזֶען אַז יֶענֶער דַאוֶוענְט נִישְׁט אוּן יֶענֶער אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער צַדִיקִים זֶעעֶן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי זֶעעֶן דָאס אִידִישֶׁע הַארְץ וָואס וִויל בֶּאֱמֶת זַיין גוּט אוּן וואוֹיל.

#### טְרֶעפְן דִי גוּטֶע נְקוּדוֹת פוּן יֶעדְן קִינְד

אַ מְלַמֵּד טָאר נִישְׁט הַאלְטְן אוֹיף קַיין אֵיין קִינְד אַז דֶער קִינְד הַאלְט בַּיי גָארְנִישְׁט, אוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן הַאלְטְן אוֹיךְ בַּיי גָארְנִישְׁט, אוּן פַארְוָואס קוּמְט דֶער קִינְד בִּכְלַל אִין חֵדֶר, עֶר טוּט דָאךְ גָארְנִישְׁט בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג... עֶר דַארְף אוֹיפְזוּכְן אַ גְרִיבֶּעלֶע אִין יֶעדְן קִינְדְ'ס הַארְץ מִיט גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס עֶר קֶען אוֹיף דֶעם שְׁרֵייעֶן דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה וָואס דִי עַבְדֵי יִצְחָק הָאבְּן אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן (בְּרֵאשִׁית כו, לב): **"מָצָאנוּ מָיִם"**, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן זַיין הַארְץ.

אַ מְלַמֵּד דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער, אִיךְ זָאל טְרֶעפְן אִין יֶעדְן קִינְד אַ בְּאֵר מַיִם חַיִּים; אִיךְ וִויל נִישְׁט זַיין וִוי דִי פְּלִשְׁתִּים וָואס זָאגְן אַז דָאס קִינְד הָאט אַ פַארְשְׁטָאפְּטֶע קָאפּ אוּן אַ פַארְשְׁטָאפְּטֶע הַארְץ"**. אָן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ זַיין אַ גוּטֶער מְלַמֵּד.

פַאר אַ מְלַמֵּד גֵייט אַרַיין אִין כִּתָּה, אָדֶער אִינְמִיטְן טָאג וֶוען עֶר גֵייט אַרוֹיס פוּן כִּתָּה פַאר אַ מִינוּט צְוֵויי, דַארְף עֶר זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל קֶענֶען טְרֶעפְן אִין יֶעדְן קִינְד דִי גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס לִיגְט טִיף בַּאגְרָאבְּן אִין זַיין הַארְץ.

#### וִוי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען אוֹיס גוּטֶע מִדוֹת פַאר קִינְדֶער?

אוֹיבּ אַ מְלַמֵּד זֶעט אִין כִּתָּה אַז אַ אִינְגְל טְשֶׁעפֶּעט אַ צְוֵוייטְן אָדֶער מַאכְט אַ שְׁפִּיצְל פַאר אַ צְוֵוייטְן, טָאר עֶר נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוּן פַארְשֶׁעמֶען דֶעם קִינְד, נָאר עֶר דַארְף שֵׁיין רֶעדְן צוּם קִינְד אַז מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּן.

אַ מְלַמֵּד הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי אַ קִינְד מַאכְט אַ שְׁפִּיצְל פַאר אַ צְוֵוייטְן קִינְד, עֶר הָאט צוּזַאמְגֶעדְרֵייט אַ טִישׁוּ אוּן עֶס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי פַּאפִּיר פוּן אַ קֶענְדִי אוּן פַארְמַאכְט דֶעם פַּאפִּיר, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי עֶס לִיגְט אַ קֶענְדִי אִינֶעם פַּאפִּיר, אוּן עֶר הָאט עֶס גֶעגֶעבְּן פַאר זַיין חַבֵר, מִיט אֵיין שִׂמְחָה עֶפְנְט יֶענֶער אוֹיף דֶעם פַּאפִּיר אוּן עֶר זֶעט אַז עֶס לִיגְט דָארְט אַ טִישׁוּ... דֶער מְלַמֵּד זָאגְט מִיר אַז עֶר הָאט גֶעמַאכְט שְׁרֶעקְלִיכֶע קוֹלוֹת אוֹיף דֶעם קִינְד: **"וִוי וַואגְט זִיךְ אַ אִינְגְל אוֹיסְצוּטְרִינְקֶען דָאס בְּלוּט פוּן אַ צְוֵוייטְן?!"**

הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַארְן מְלַמֵּד: אֶפְשָׁר הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעהֶערִיג גֶעהַאט גֶעגֶעסְן דֶערְפַאר הָאסְטוּ גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף דֶעם קִינְד; וִוי קוּמְט אַרַיין צוּ שְׁרֵייעֶן וֶוען אַ קִינְד מַאכְט אַ שְׁפִּיצְל פַאר אַ צְוֵוייטְן?! עֶר אִיז דָאךְ אַ קִינְד! וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען קִינְדֶער הָאבְּן מִיר אוֹיךְ גֶעמַאכְט שְׁפִּיצְלֶעךְ פַאר אַנְדֶערֶע קִינְדֶער.

אַ מְלַמֵּד דַארְף רֶעדְן בִּכְלָלִיוּת צוּ דִי קִינְדֶער וִוי וִויכְטִיג עֶס אִיז צוּ הָאבְּן גוּטֶע מִדוֹת; עֶר דַארְף רֶעדְן דֶערְפוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, יֶעדֶעס מָאל אוֹיף אַן אַנְדֶערְן אוֹפָן; אַמָאל שְׁטְרֶענְג, אַמָאל וֵוייךְ, אוּן אַמָאל מִיט שְׁרֵייעֶן צוּ דִי גַאנְצֶע כִּתָּה:

**"ווי וואַגט זיך אַ אינגל אויסצוטרינקען דאָס בלוט פון אַ צווייטן?!"** אָבער עס טאָר נישט זיין געציילט קעגן קיינעם פערזענליך.

אויב עס מאַכט זיך אַז אַ מלמד דאַרף פערזענליך פאַרהאַלטן אַ קינד, דאַרף ער רעדן צו אים מיט שיינע ווערטער, אים זאָגן: **"עס איז נישט קיין שיינע זאַך צו מאַכן אַ שפּיצל פאַר אַ צווייטן, שטעל זיך פאַר אַז איינער וואָלט עס געטון צו דיר, וואָלט עס דיר זיכער געשטערט".**

## אויסלערנען די קינדער פירוש המילות

אַ מלמד דאַרף אַריינלייגן אין קינדער אַ חיות צום דאַווענען. עס איז כדאי דער מלמד זאָל דאַווענען מיט ניגונים, און ער זאָל אויסלערנען די קינדער זיך צו שאָקלען ביים דאַווענען.

עס איז וויכטיג אַ מלמד זאָל לערנען מיט די קינדער די פירוש המילות פונעם דאַווענען, דורכדעם וועלן די קינדער האָבן אַ געשמאַק אינעם דאַווענען. פאַרוואָס זאָלן זיך די קינדער שאָקלען ביים דאַווענען ווען זיי האָבן נישט קיין אנונג וואָס זיי זאָגן מיטן מויל, זייער קאָפּ טראַכט נאָר פון זייערע שפּילצייג!? אָבער אויב דער מלמד לערנט אויס די קינדער די פירוש המילות פונעם דאַווענען וועלן די קינדער פאַרשטיין וואָס זיי זאָגן און אַזוי וועלן זיי באַקומען אַ געפיל צום דאַווענען.

מען קען יעדן טאָג לערנען מיט די קינדער די טייטש פון איין אָדער צוויי שורות פונעם דאַווענען, אָדער איין ברכה פון שמונה עשרה.

אַז דער מלמד וועט אויסלערנען די קינדער די טייטש פון שמונה עשרה, ער וועט זיי זאָגן וואָס מען בעט ביי יעדע שטיקל פון שמונה עשרה, און ער וועט זיי אויך זאָגן אַז מען קען צולייגן אייגענע תפלות אינמיטן שמונה עשרה, וועלן זיי דאַווענען זייער שיין, זיי וועלן אַרויסזאָגן יעדעס וואָרט פון שמונה עשרה און זיי וועלן אויך צולייגן זייערע אייגענע תפלות, צום ביישפּיל ביי די ברכה פון רפאנו וועלן זיי זאָגן: **"הייליגער באַשעפער שיק אַ רפואה שלימה פאַר איינער פון מיין משפחה"**, און ביי די ברכה פון ברך עלינו וועלן זיי זאָגן: **"הייליגער באַשעפער העלף מיין טאַטע זאָל האָבן געלט"**, און אַזוי ווייטער.

אויב אַ אינגל האָט זיך פאַרחלומ'ט אָדער פאַרשפּילט אינמיטן דאַווענען, קען מען נישט האָבן קיין טענות אויף אים פאַרוואָס ער דאַווענט נישט ווי עס דאַרף צו זיין, ווייל יונגע קינדער כאַפּן נאָכנישט דאָס גרויסקייט פון דאַווענען, און די אַרבעט פונעם מלמד איז אויסצולערנען די קינדער דאָס שיינקייט פונעם דאַווענען.

## ליב האָבן די קינדער

אַ מלמד דאַרף ליב האָבן יעדעס קינד מיט די גרעסטע מאָס ליבשאַפט, אַז יעדעס קינד זאָל קענען זאָגן פאַר זיינע עלטערן: **"מיין רבי האָט מיך די מערסטע ליב"**. און דאָס קען נאָר געשען דורך תפלה והתבודדות, אַז דער מלמד וועט יעדן טאָג בעטן דעם אייבערשטן ער זאָל ליב האָבן אַלע קינדער.

עס העלפט נישט אויב דער מלמד רופט צו יעדן קינד און זאָגט אים אַריין אין אויער: **"איך האָב דיך ליב"**, ווייל אַ קינד שפּירט אויב זיין מלמד האָט אים טאַקע ליב אָדער ער זאָגט אים נאָר אַז ער האָט אים ליב.

אַ מלמד דאַרף זיך אויסשמועסן זיין האַרץ מיטן אייבערשטן: **"הייליגער באַשעפער, מעג איך זיין אַ מלמד אָדער איך טאָר נישט? האָב איך ליב מיינע תלמידים אָדער האָב איך זיי נישט ליב? ווי שטאַרק האָב איך זיי ליב, ווי אייגענע קינדער אָדער ווייניגער פון אייגענע קינדער?"**

## וואָס טוט מען מיט אַ קינד וואָס קומט יעדן טאָג שפּעט?

אויב אַ קינד קומט אין חדר טאָג נאָך טאָג שפּעט און ער ברענגט אַ צעטל פון זיינע עלטערן אָדער פון די אָפּיס מיט אַן אַנטשולדיגונג, דאַרף ער באַקומען פונעם מלמד דעם זעלבן שמייכל ווי די קינדער וואָס זענען געקומען באַצייטנס, גאַרנישט ווייניגער.

אַ מלמד האָט נישט קיין רעכט צו שרייען אויף אַ קינד וואָס איז געקומען שפּעט: **"יעצט קומט מען?! פאַרוואָס ביסטו געקומען אין חדר?"** אויב עס שטערט זייער שטאַרק פאַר אַ מלמד אַז אַ קינד קומט יעדן טאָג שפּעט, ער שפּירט ווי זיין גאַנצע כּתּה ווערט צעפּאַרן צוליב דעם קינד, זאָל ער זאָגן פאַרן מנהל: **"עס איז מיר זייער שווער צו פירן מיין כּתּה ווען יענער קינד שפּאַצירט יעדן טאָג אַריין אין כּתּה נאָכן דאַווענען און צומאָל קומט ער ווען מען האַלט שוין אינמיטן לערנען"**, און דער מנהל זאָל זיך פאַרבינדן מיטן טאַטן צו הערן וואָס עס גייט פאָר מיטן קינד, אָדער וועט דער מנהל זאָגן פאַרן מלמד: **"אויב דו קענסט נישט זיין אַזוי מלמד - וועל איך זוכן אַ צווייטער מלמד..."**

עס טאָר נישט זיין אַזאַ זאַך אַז אַ מלמד זאָל שרייען אויף אַ קינד פאַרן קומען שפּעט: **"פאַרוואָס קומסטו בכלל אין חדר? עס זעט מיר אויס ווי דו האַלטסט נישט ביים קומען אין חדר"**, ערשטנס, ווייל דאָס איז דאָך דער ריינער אמת, קינדער ווילן טאַקע נישט קומען אין חדר... צווייטנס דאַרף דער מלמד טראַכטן מיט רחמנות: 'ווער ווייסט וואָס דער קינד איז היינט צופרי אַריבער אינדערהיים פון זיינע עלטערן'; מענטשן האָבן דאָך נישט קיין השגה וואָס עס טוט זיך אָפּ יעדן אינדערפרי אין אידישע הייזער, עס זענען דאָ משפחות וואָס די עלטערן שלאָגן און ציפּן די קינדער יעדן צופרי פון כעס, און ענדליך ווען דאָס קינד איז שוין געקומען אין חדר קומט אים נישט ער זאָל ווייטער דאַרפן ליידן פון זיין מלמד.

אַמאָל קען זיין אַז איינער אין די משפחה איז נישט געזונט לא עלינו, די מאַמע איז פאַרנומען מיטן חולה און דער טאַטע דאַרף זיין פאַר די קינדער סיי דער טאַטע און סיי די מאַמע, זאָל מען קנס'ענען דעם טאַטן ער זאָל נישט מעגן שיקן זיינע קינדער אין חדר וויבאַלד זיי קומען שפּעט? וואָס איז ער שולדיג אַז ער קען זיי נישט מאַכן גרייט באַצייטנס?!

אויך קען זיך מאַכן מיט געוויסע קינדער אַז זיי פאַרפירן אינדערפרי אַז זיי ווילן נישט גיין אין חדר, און די עלטערן דאַרפן זיך אָפּגעבן מיט זיי אַ לענגערע צייט, דערפאַר קען פּאַסירן אַז די עלטערן זאָלן ברענגען דעם קינד מיט אַ האַלבע שעה שפּעטער.

די אַרבעט פון אַ מלמד איז אויפצונעמען יעדן קינד מיט אַ שמייכל און אים זאָגן: **"איך פריי זיך זייער אַז דו ביסט געקומען אין חדר"**, און אַריינלייגן אַזאַ שטאַרקע ליבשאַפט אין די קינדער אַז זיי זאָלן פון זיך אַליין וועלן קומען באַצייטנס אין חדר.

אַ מוסד איז געשטעלט מען זאָל אַרויסגעבן פּשוט'ע ערליכע אידן וואָס נאָך זייער חתונה וועלן זיי יעדן טאָג גיין אין שול דאַווענען שחרית, מנחה און מעריב, אָנטון טלית און תפילין, און ליב האָבן דעם אייבערשטן, און דאָס קען נישט געשען אויב דער מלמד הערט נישט אויף שרייען און

גֶעבְּן מוּסָר פַאר דִי קִינְדֶער, וַוייל דֶעמָאלְט פַארְמַאכְן זִיךְ דִי הֶערְצֶער אוּן דִי מֹחוֹת, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא הַצְלָחָה.

### נִישְׁט נִיצְן דֶעם טֶעלֶעפָאן אִין חֵדֶר

אִין דִי שָׁעוֹת וָואס אַ מְלַמֵּד אַרְבֶּעט מִיט דִי קִינְדֶער דַארְף עֶר זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן פוּן אַלֶע זַייטִיגֶע זַאכְן, זַיין מֹחַ זָאל נָאר זַיין מִיט דִי קִינְדֶער.

מִיר הָאבְּן הַיינְט לֵיידֶער אַ צָרָה מִיטְן נָאמֶען 'טֶעלֶעפָאן', דָאס מַאכְט אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען זַיין אִין אַ שְׁטוּבּ אָבֶּער עֶר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָארְט, זַיין מֹחַ אִיז אִינֶעם טֶעלֶעפָאן; אַזוֹיפִיל שְׁטִיבֶּער וֶוערְן נֶעבֶּעךְ צֶעטֵיילְט, פָארְפֶעלְקֶער גֶעטְ'ן זִיךְ אוּן מִשְׁפָּחוֹת וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן, פוּן דֶעם וָואס וַוייבֶּער וַוארְטְן אַ גַאנְצְן טָאג אַז דֶער מַאן זָאל אַהֵיימְקוּמֶען אוּן עֶנְדְלִיךְ וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים אִיז עֶר נִישְׁט דָא; זַיין גוּף אִיז אִינְדֶערְהֵיים, עֶר קֶען מְסַדֵּר זַיין אַלֶע טֶעכְנִישֶׁע זַאכְן, אָבֶּער זַיין מֹחַ לִיגְט אִים אִין זַיין טֶעלֶעפָאן.

בִּשְׁעַת אַ מְלַמֵּד זִיצְט אִין כִּתָּה טָאר עֶר נִישְׁט נִיצְן זַיין טֶעלֶעפָאן. אוֹיבּ עֶס וֶועט זִיךְ מַאכְן אַז דִי וַוייבּ וֶועט דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּ אִיר מַאן פַאר אַ ווִיכְטִיגֶע נוֹיטְפַאל, זָאל זִי רוּפְן אִין אָפִיס אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעבְּן פַארְן מְלַמֵּד אַז מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן פוּן שְׁטוּבּ.

מְלוּמְדוּת אִיז אַ מְלֶאכֶת הַקוֹדֶשׁ, אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אוּן אַ מְלַמֵּד טָאר נִישְׁט וֶוערְן גֶעשְׁטֶערְט דוּרְךְ זַיין טֶעלֶעפָאן.

אִיךְ בִּין אוֹיךְ עוֹסֵק אַ גַאנְצְן טָאג צוּ לֶערְנֶען מִיט בָּחוּרִים, הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַיינְגֶעפִירְט אַז אִיךְ נִיץ נִישְׁט מַיין טֶעלֶעפָאן סְתָּם אַזוֹי; אִיךְ נִיץ מַיין טֶעלֶעפָאן נָאר וֶוען אִיךְ דַארְף אֵיינֶעם רוּפְן, נִישְׁט אַז יֶעדֶער פְּלוֹנִי אַלְמוֹנִי זָאל הָאבְּן אַ שְׁנֶעלֶע וֶועג צוּ קֶענֶען רֶעדְן צוּ מִיר.

עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע זְכִיָה צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען מִיט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס טֵייעֶרֶע תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן. אוּן וואוֹיל אִיז פַאר אַ מְלַמֵּד וָואס זוֹכְט אוֹיף אִין יֶעדְן קִינְד זַיינֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת, עֶר לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם, מִדּוֹת טוֹבוֹת אוּן אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין.

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## פַארְוָואס הָאט אֵיין קִינְד מֶער חֵן בַּיי מִיר ווִי אַנְדֶערֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל אַזוֹי סַאךְ שְׁרַייבְּן, אוּן אִיךְ מֵיין אַז טַאקֶע צוּלִיבּ דֶעם שְׁרַייבּ אִיךְ גָארְנִישְׁט, וַוייל אִיךְ ווִיל שְׁרַייבְּן לַאנְגֶע בְּרִיוְון אוּן אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן, וֶועל אִיךְ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם שְׁרַייבְּן קוּרְץ.

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד, אוּן אִיךְ בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן אַלֶע קִינְדֶער אֵיינִיג; יֶעדֶער זָאל הָאבְּן חֵן אִין מַיינֶע אוֹיגְן, אוּן אִיךְ זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין חִילוּק צְווִישְׁן אֵיין קִינְד אוּן צְוֵוייטְן, אִיךְ וֵוייס אַז קֵיינֶער וֶועט מִיר נִישְׁט קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן אוֹיף מַיין יֶעצְטִיגֶע שְׁאֵלָה, דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט שַׁארְפֶע דְרָשׁוֹת פַאר מְחַנְּכִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ פוּן מַאכְן אַ חִילוּק צְווִישְׁן אֵיין קִינְד אוּן אַן אַנְדֶערְן, פוּן אַ קִינְד מִיט חֵן אוּן אַ קִינְד אָן חֵן, לְמַעֲשֶׂה יֶעדֶעס יָאר בְּלַייבּ אִיךְ שְׁטֶעקְן מִיט דֶעם זֶעלְבְּן פְּרָאבְּלֶעם; אַ קִינְד וָואס הָאט אַ שֵׁיין פָּנִים, עֶר אִיז קְלוּג אוּן גֶעפִילִישׁ, הוֹיבְּט מַיין הַארְץ אָן צִיעֶן צוּ אִים, אִיךְ ווִיל שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, רֶעדְן צוּ אִים, אִים גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער.

אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ ווִי אַ קְלֵיין קִינְד פוּן פִיר יָאר אַלְט, בִּשְׁעַתְ'ן שְׁרַייבְּן טְרַאכְט אִיךְ צוּ מִיר ווִי נַארִישׁ דָאס אִיז, אָבֶּער אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ צוּרִיק ווִי פַאר אַפָאר שָׁעָה צוּרִיק הָאבּ אִיךְ גֶעגְלֶעט אַזַא סָארְט אִינְגֶל.

וָואס אִיז מִיט דֶעם נוֹשֵׂא, אִיז דָאס אַ פְּרָאבְּלֶעם? אָדֶער ווִי לַאנְג אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אָפּ מִיט אַלֶע קִינְדֶער, נָאר מִיט דֶעם קִינְד מֶער ווִי אַנְדֶערֶע, אוּן אִיךְ בַּאעַוְולָ'ה נִישְׁט קֵיינֶעם צוּלִיבּ דֶעם קִינְד, אִיךְ מַאךְ אִים נִישְׁט אַנְדֶערְשׁ אִין קְלַאס, נָאר בַּיי רִיסֶעס קֶען אִיךְ אִים צוּרוּפְן (עֶר קוּמְט מִמֵּילָא נֶעבְּן מַיין טִישׁ, וַוייל עֶר אִיז גֶעזוּנְט אִין נַאטוּר עֶר ווִיל רֶעדְן צוּ מִיר); זָאל אִיךְ עֶס לָאזְן לוֹיפְן אַזוֹי ווִי עֶס גֵייט בִּיז אַהֶער?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל,
כ"ז אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד אוּן דוּ מַאכְסְט נִישְׁט קַיין אוֹיסְנַאם, דוּ בַּאגֵייסְט זִיךְ אֵיינִיג מִיט אַלֶע קִינְדֶער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד.) עֶס אִיז גֶעוֶועזְן אַ טְרוּקֶענִישׁ אוּן אַ פָּשׁוּטְ'עֶר אִיד הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל גֵיין אַ רֶעגְן, אוּן זַיינֶע תְּפִלּוֹת זֶענֶען אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן, הָאט אִים רַב גֶעפְרֶעגְט: "וָואס הָאסְטוּ דִי זְכִיָ' אַז דַיינֶע תְּפִלּוֹת וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען?" זָאגְט עֶר: "מַקְרֵי דַרְדְּקֵי אֲנָא וּמַקְרִינָא לִבְנֵי עַנְיֵי כִּבְנֵי עַתִּירֵי", אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד אוּן אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קַיין חִילוּק צְווִישְׁן קִינְדֶער פוּן רַייכֶע עֶלְטֶערְן אוּן קִינְדֶער פוּן אָרֶעמֶע עֶלְטֶערְן, עַיֵּין שָׁם; זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד אוּן נִישְׁט מַאכְן קַיין חִילוּק צְווִישְׁן דִי קִינְדֶער.

בְּנוֹגֵעַ דִי בַּאחֵנְ'טֶע קִינְדֶער וְכוּ'; פַארְוָואס זָאגְסְטוּ בִּיסְט אַ קִינְד פוּן פִיר יָאר? פַארְוָואס קְלַאפְּסְטוּ זִיךְ אַרָאפּ? דוּ בִּיסְט אַ גוּטֶער מְלַמֵּד, אַז מֶען הָאט אַ גֶעפִיל פַאר קִינְדֶער וָואס הָאבְּן חֵן - אִיז מֶען נִישְׁט קַיין קִינְד, דָאס אִיז דֶער נַאטוּר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן, חֵן קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען ווִיל עֶנְדֶערְשׁ רֶעדְן מִיט אַ מֶענְטְשׁ מִיט חֵן ווִי מִיט אֵיינֶער אָן חֵן.

קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ, מַאךְ זִיךְ נִישְׁט קְלֵיין, גֵיי אָן מִיט דִי מְלוּמְדוּת, אִין הִימְל אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אַ מְלַמֵּד, אִין הִימְל קוּקְט מֶען אַנְדֶערְשׁ אוֹיף אַ מְלַמֵּד ווִי מֶען קוּקְט דָא, אִין הִימְל אִיז אַ מְלַמֵּד דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאךְ, בִּפְרַט אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט לִיבּ דִי קִינְדֶער אוּן לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער

אַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה, אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ מִצְוֹת; דוּרְךְ זַיי דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים. עֶס אִיז בַּאוְויסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵּד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער צִי עֶר לֶערְנְט מוּסָר מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער מְלַמֵּד גֶעזָאגְט: "יָא", הָאט אִים דֶער צַאנְזֶער רַב גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ מוּסָר סְפָרִים לֶערְנְסְטוּ מִיט זַיי?" זָאגְט עֶר: "חוֹבוֹת הַלְּבָבוֹת", זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רַב: "נִישְׁט דָאס מֵיין אִיךְ צוּ פְרֶעגְן, אִיךְ פְרֶעג צִי דוּ לֶערְנְסְט מוּסָר, צִי דוּ פַארְצֵיילְסְט זַיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן פוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׂא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ"; ווייל מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים פֵּייעֶרְט אוֹיף דָאס הַארְץ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת פקודי, שנת תשפ"ד)

## פַּארְוָואס וַוארְפְט אַ קִינְד צוּרִיק אַ קָאמְפְּלִימֶענְט?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיט"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד, אוּן אִיךְ נוּץ בָּרוּךְ הַשֵּׁם דִי עֵצוֹת אוּן לִימוּדִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיט"א לֶערְנְט אוּנְז, ווי אַזוֹי מְחַנֵּךְ צוּ זַיין דִי טַייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ.

אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס ווען אִיךְ גֶעבּ זַיי אַ קָאמְפְּלִימֶענְט, "דוּ בִּיסְט זֵייעֶר אַ וואויל אִינְגֶל", ווֶעלְן זַיי אַלְץ עֶנְטְפֶערְן: "אִיךְ בִּין נִישְׁט אַ גוּטֶע אִינְגֶל"; אָדֶער צוּם בֵּיישְׁפִּיל ווען אִיךְ זָאג אֵיינֶעם: "דוּ קֶענְסְט זֵייעֶר שֵׁיין מָאלְן אוּן קָאלִירְן", ווֶעט עֶר צוּרִיק זָאגְן: "נִישְׁט אֱמֶת, אִיךְ קֶען נִישְׁט, אִיךְ קָאלִיר זֵייעֶר נִישְׁט שֵׁיין", אוּן דָאס גְלַייכְן.

פוּן וואס קוּמְט דָאס, אוּן ווי אַזוֹי דַארְף אִיךְ רֶעאַגִירְן צוּ דֶעם? אָדֶער זָאל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג מַאכְן פוּן דֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בָּלָק, י"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט, וָואס אִיז פְּשַׁט אַז מֶען גֶעבְּט אַ גוּט ווָארְט פַאר אַ קִינְד אוּן עֶר זָאגְט: "דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת"?

עֶס קֶען זַיין אַפָּאר סִיבּוֹת; אָדֶער אַז דֶער קִינְד הָאט אַסַאךְ גֶעהֶערְט שְׁלֶעכְטֶע ווֶערְטֶער, עֶס קְלִינְגְט אִים אִין קָאפּ 'בִּיסְט נִישְׁט גוּט, בִּיסְט אַ שְׁלֶעכְט קִינְד', אוּן יֶעצְט ווֶען עֶר בַּאקוּמְט אַ גוּט ווָארְט, מֶען זָאגְט אִים "בִּיסְט גוּט" - קְלִינְגְט אִים דִי נִישְׁט גוּטֶע ווֶערְטֶער, דֶערְפַאר ווַארְפְט עֶר דָאס צוּרִיק. אוֹיךְ קֶען זַיין אַז מֶען אִיז מְחַנֵּךְ קִינְדֶער מִיט שֶׁקֶר, מֶען זָאגְט זַיי שְׁטֶענְדִיג "זַיי ווי דֶעם קִינְד", "פַּארְוָואס בִּיסְטוּ נִישְׁט ווי יֶענֶעם?" "אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט זַיין ווי דֶעם קָרוֹב, דֶעם שָׁכֵן"; אִיז אֲפִילוּ מֶען זָאגְט אִים נִישְׁט דִירֶעקְט אַז עֶר אִיז שְׁלֶעכְט, ווֵייסְט עֶר אָבֶּער בַּיי זִיךְ 'כָּל זְמַן אִיךְ בִּין נִישְׁט ווי יֶענֶעם - בִּין אִיךְ שְׁלֶעכְט'.

אַמָאל קֶען אוֹיךְ זַיין אַ קִינְד וָואס אִיז זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג פַאר דִי גוּט ווָארְט אוּן עֶר ווִיל דָאס נָאכְאַמָאל הֶערְן, דֶערִיבֶּער מַאכְט עֶר דָאס אַוֶועק, עֶר הָאפְט אַז מֶען ווֶעט אִים דָאס נָאכְאַמָאל זָאגְן.

ווֶער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן ווֶען אַ קִינְד ווַארְפְט צוּרִיק דֶעם גוּט ווָארְט, גֶעבּ אַ שְׁמֵייכְל אוּן זָאג אִים נָאךְ עֶפֶּעס אַ גוּט ווָארְט, ווייל גוּטֶע ווֶערְטֶער אִיז פוּן דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאכְן פַארְן לֶעבְּן, בִּפְרַט פַאר קִינְדֶער, דִי גוּטֶע ווֶערְטֶער עֶפְנְט זֵייעֶר מֹחַ אוּן הַארְץ.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ שְׁמֵייכְלֶען צוּ דַיינֶע תַּלְמִידִים; דָאס ווֶעט זַיי עֶפֶּענֶען דִי מֹחַ אוּן הַארְץ, זַיי ווֶעלְן קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט מִיט זַיי.

מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר אַלְץ גֶעזָאגְט: "דוּ בִּיסְט צוּ עֶרְנְסְט, דַיינֶע תַּלְמִידִים ווֶעלְן זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן אוּן נִישְׁט קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין", (ווֶען אִיךְ פְלֶעג קוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"ש - בִּין אִיךְ אַלְץ גֶעקוּמֶען מִיט אַן עֶרְנְסְטְקֵייט). אַזוֹיפִיל מָאל הָאט מִיר מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט: "גֶעבּ אַ שְׁמֵייכְל, זִינְג מִיט דַיינֶע תַּלְמִידִים, מַאךְ זַיי פְרֵיילִיךְ", נָאר אַזוֹי אִיז דָא מוֹחִין מְקַבֵּל צוּ זַיין וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט זַיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת פנחס תשפ"ד)


**חִינוּךְ אַפְּטֵיילוּנְג**
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
**אויף קול ברסלב**
**דרוקט: 1-2-4-2**
- שמעו ותחי נפשכם -



צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com



קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876